# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת דברים | שנת תשע"א לפ"ק

## מילי דחסידא

**ראה נתתי בידך את סיחון מלך חשבון:**

**האדמו"ר הצדיק מו"ה יודא צבי מסטרעטין ז"ל פירוש: את סיחון,** היינו ה'שיחה', אבל תדע מלך חשבון, דאמרו שצריך ליתן חשבון על כל דיבור ואמירה, ע"ד הכתוב "מגיד לאדם מה שיחו", ודרשו (חגיגה ה' ע"ב) אפילו שיחה קלה וכו' ולה' הישועה (מרגניתא דרבי מאיר, ליקוטים)

## דרש דרש

**במדרש וברש"י עה"פ וחצרות ודי זהב:** הוכיחן על חטא העגל ומחלקותו של קרח, חצרות זה מחלקותו של קרח, ודי זהב זה חטא העגל וכו': לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס עס שטייט קודם דערמאנט די מחלוקה פון קרח, און נאכדעם דער חטא העגל, דער חטא העגל איז דאך געווען פאר די מחלוקה פון קרח? אזוי אויך איז שווער וואס עס שטייט אין תהילים "ויקנאו למשה וגו' תפתח ארץ ותבלע וגו' יעשו עגל בחורב וגו'". זעהן מיר אז דוד המלך ע"ה האט אויך מקדים געווען די מעשה פון קרח פארן חטא העגל?

ענטפערט דער **רבי ר' העשיל פון קראקא זי"ע**, לויט דעם מדרש וואס זאגט אז ביים חטא העגל האט משה רבינו ממליץ טוב געווען אויף אידישע קינדער, זאגנדיג פארן רבש"ע **לי צוית ולא להם**, אז ווען דער רבש"ע האט געזאגט אנכי ה"א, האט ער דאס געזאגט בלשון יחיד נאר פאר משה רבינו, ממילא קען מען דאס נישט רעכענען פאר א חטא פאר גאנץ כלל ישראל.

אבער ביי די מחלוקת פון קרח וכל עדתו איז קרח געקומען מיט א טענה **כי כל העדה כולם קדושים, כולם שמעו אנכי ולא יהי' לך מפי הגבורה,** קומט אויס אז די טענה ביי די מחלוקה פון קרח האט מבטל געווען דעם לימוד זכות פון משה רבינו אויף כלל ישראל ביים חטא העגל, ווייל משה רבינו קען שוין נישט קומען טענה'ען לי צוית ולא להם.

מיט דעם פארשטייט מען שוין זייער גוט פארוואס שטייט פריער דער חטא פון קרח ועדתו, און נאכדעם דער חטא העגל, ווייל דער חטא העגל האט באמת א לימוד זכות פארוואס אידישע קינדער זענען נישט שולדיג, און טאקע נאר דער חטא פון קרח דאס איז ווידער מעורר דעם חטא העגל, ווייל דאס איז מבטל דער לימוד זכות פון משה רבינו ע"ה.

*

נאך א שיינער תירוץ ווערט געברענגט אין ספר **טללי אורות** לויטן מדרש וואס זאגט אז די סיבה פארוואס משה רבינו האט צובראכן די לוחות איז געווען ווייל ער האט געוואלט אז די אידן זאלן האבן א דין ווי א פנויה און נישט ווי אן אשת איש.

אבער דאס ווענדט זיך וואס פארא דין משה רבינו האט געהאט מיטן ברענגען די לוחות. ווייל אויב האט ער געהאט א דין ווי א **שליח להולכה**, איז דאך די קידושין נישט חל ביז ווען ער האט דאס איבערגעגעבן פאר די אידן, ממילא האט ער גוט געטון מיטן צוברעכן די לוחות ווייל די קידושין איז נאכנישט חל געווען, אבער אויב האט ער א דין ווי א **שליח לקבלה,**

## מעשה רב

**אויב עס איז "מעוטף בטליתו" איז "אינו יודע מעשיו"**

עס איז אמאל אריינגעקומען א חסיד צום הייליגן רבי'ן ר' זושא זי"ע, האט אים דער רבי ר' זושא באלד מעורר געווען און פארגעהאלטן היתכן ער גייט אנגעטון מיט פסול'ע ציצית.

דער איד האט זיך באלד געשראקן הערענדיג די ווערטער און ער איז געגאנגען בודק זיין די ציצית, און ער האט טאקע באמערקט אז זיינע ציצית איז פסול, איז ער געגאנגען פרעגן דעם רבי'ן ר' זושא פון וואו ער האט דאס געוואוסט אז ער האט פסול'ע ציצית?

האט אים דער רבי ר' זושא זי"ע געענטפערט:

"די ציצית דאס טוט פארדעקן אויף די עבירות פונעם מענטש, אבער ווען דו ביסט געקומען צו מיר און איך האב געזעהן אלע דיינע עבירות אויפן פנים, האב איך פארשטאנען אז דיינע ציצית זענען נישט כשר".

האט דער רבי ר' זושא ווייטער געזאגט: די הייליגע חכמים זאגן, אז ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו 'הבו לכם אנשים', האט משה רבינו גע'טענה'עט פארן אייבערשטן, אם בא לפני מעוטף בטליתו ואיני יודע מעשיו, וואס זאל איך טון ווען עס קומט א מענטש איינגעוויקעלט מיט א טלית, און איך ווייס נישט ווער און וואס ער איז, פון וואו זאל איך וויסן אויב ער איז ערליך?.

לכאורהה וואס מיינט דאס אם בא מעוטף בטליתו? און וואס האט ער געמיינט צו זאגן דערמיט, וואס איז דאס מעלה ומוריד אויב ער איז יא איינגעוויקעלט אין א טלית אדער נישט?! האט דען משה רבינו נישט געקענט וויסן מיט רוח הקודש וואס דער מענטש איז אפילו ווען ער איז איינגעוויקלט אין א טלית?!"

האט דער רבי ר' זושא געזאגט "נאר די זאך איז, אז ווען א מענטש קומט איינגעוויקלט אין א כשר'ע טלית, טוט דאס אינגאנצן פארדעקן אויף זיינע עבירות, און אפילו משה רבינו קען נישט זעהן זיינע זינדיגע מעשים, א כשר'ע ציצית דאס פארדעקט אויף אלע עבירות אז מען קען נישט דערקענען א מענטש.

## מילי דרמיזא

ונחרם את כל עיר מתים: זאגט רש"י אז מתים מיינט אנשים. זאגט דער חתן סופר א רמז נפלא ווייל דער חילוק צווישן מֵתִים און מְתִים איז מיט די נקודות, ווען דאס קומט מיט א ציירי און די צווי פינטעלעך שטייען איינס נעבן די צווייטע, און דאס קומט מיט א שוא און די פינטעלעך שטייען איינס העכער די צווייטע, דאס איז א רמז אז די טויטע זיי ליגן איינער נעבן צווייטן, יעדער איז איניג בשלום ושלוה, אבער די מענטשן, די לעבעדיגע זיי שטייען איינער העכער דעם צווייטן, ווייל יעדער איינער וויל זיך נאר האלטן גרעסער און איבערשטייגן דעם חבר.

און ווי נאר ער האט איבערגענומען די לוחות האט חל געווען די קידושין האט ער דאך גארנישט אויפגעטון מיטן צוברעכן די לוחות.

מיר ווייסן א כלל ביי שליחות אז **כל מידי דהוא לא מצי עביד לא מצי משוי שליח**, ממילא אז אידישע קינדער קענען נישט אליינס ארויפגיין אין הימל נעמען די תורה, קענען זיי נישט מאכן קיין **שליח לקבלה**, ממילא איז ער געווען א **שליח להולכה** און מיטן צוברעכן די לוחות האט ער טאקע מבטל געווען די קידושין.

ביי די מחלוקת פון קרח ועדתו איז געווען די טענה **כי כל העדה כולם קדושים** און ווי רש"י זאגט **כולם שמעו דברים מסיני**. וויל זיי האבן געהאלטן אז זיי וואלטן פונקט אזוי געקענט מקבל זיין די תורה פונעם אייבערשטן און זיי האבן נישט געדארפט צוקומען צו משה רבינו. איז לויט זייער מיינונג האט משה רבינו יא געקענט זיין א **שליח לקבלה**, וויל דאס איז מידי דאיהו מצי עביד, און דאס צוברעכן די לוחות האט גארנישט אויפגעטון וויל זיי האבן א דין אשת איש.

מיט דעם פארשטייט מען אז משה רבינו האט זיי נישט געקענט מוסר'ן אויפן חטא העגל, וויל זיי וואלטן געקענט ענטפערן אז מיטן צוברעכן די לוחות איז שוין נתכפר געווארן דער חטא, וועגן דעם האט ער קודם דערמאנט די חטא פון קרח, וואס דארט האבן זיי אליין ארויסגעברענגט אז ער האט א דין ווי א שליח לקבלה, ממילא האט ער גארנישט אויפגעטון מיטן צוברעכן די לוחות, אזוי האט ער זיי געקענט מוסר'ן אויפן חטא העגל.

# חורבן בית המקדש

קומענדיגן דינסטאג איז **תשעה באב** ווען כלל ישראל קלאגט און יאמערט אויפן חורבן פוןביידע בתי מקדשות וואס זענען ביידע חרוב געווארן אין דעם טאג. וועלן מיר יעצט לערנען אין די **"ידיעות"** די השתלשלות הענינים לויט דעם סדר פון די יארן, קורצע שטריכן פון דעם אויפבוי פונעם ערשטן בהמ"ק ביזן חורבן פונעם צווייטן ביהמ"ק.

**ב"א תתקכ"ח** – **שלמה המלך** האט אויפגעבויט דעם ערשטן בית המקדש אין ירושלים.

**ב"א תתקס"ד** – **שלמה המלך** איז נפטר געווארן, זיין זון רחבעם איז געווארן מלך אויף שבט יהודה, און ירבעם בן נבט אויף די צען שבטים. פון דעמאלטס אן האט זיך געצויגן א לענגערע תקופה פון די מלכי יהודה וישראל.

**ג"א ק'** – **זכרי' בן יהוידע הנביא**, דער כהן גדול און נביא ה' איז ברוטאל גע'הרג'עט געווארן אין ביהמ"ק, אויפן באפעל פון יהואש מלך יהודה.

**ג"א קפ"ז**–**שבט גד וראובן חצי מנשה** זענען פארטריבן געווארן פון זייער לאנד דורך תגלת פלאסר מלך אשור (מלכים ב' ט"ו).

**ג"א ר"ה** – די **עשרת השבטים** זענען פארטריבן געווארן דורך סנחריב מלך אשור.

**ג"א רח"צ** – **ירמי' הנביא** האט אנגעהויבן צו זאגן נביאות פאר די אידן און ווארענען וועגן דעם חורבן.

**ג"א ש"ג** – **צפני' הנביא** און **חולדה הנביאה** האבן געווארנט אידישע קינדער וועגן חורבן ביהמ"ק, ירמי' הנביא האט געשריגן אין די גאסן, זכרי' אין די בתי מדרשים, און חולדה ביי די פרויען (רד"ק).

**ג"א שי"ט**–**נבוכדנצאר מלך בבל**, האט באלאגערט ירושלים, און געפאנגען **יהוקים מלך יהודה** און געטראגן קיין בבל.

**ג"א שכ"ג** – נאך 4 יאר וואס **יהויקים** איז געווען אונטערגעווארפן אונטער נבוכדנצאר האט ער ווידער געשפעניגט אין אים.

**ג"א שכ"ז** – איז **יהוקים** גע'הרג'עט געווארן, און זיין זון **יהויכין**–**יכניה** איז געווארן מלך. נבוכדנצאר האט אים פארטריבן קיין בבל, און געשטעלט **צדקיהו**, דער ברודער פון **יהוקים**. דאס ווערט אנגערופן גלות יהוכין 11 יאר פארן חורבן.

**ג"א של"ח** – דער חורבן בית ראשון, דורך **נבוזראדן** הרשע, בשליחות נבוכדנצר מלך בבל, און כלל ישראל איז פארטריבן געווארן קיין בבל אויף 70 יאר. דער ערשטער בית המקדש איז געשטאנען געניוע 410 יאר.

**ג"א ת"ד** – אין דעם יאר איז פארגעקומען דער נס פורים און די מעשה פון **מרדכי** און **אסתר**.

**ג"א ת"ח** – גענוי 70 יאר נאכן חורבן ביהמ"ק האט מען אנגעהויבן אויפצובויען דעם צווייטן בית המקדש, אויפן באפעל פון **כורש מלך פרס**, דורך **עזרא הסופר** וחבריו.

**ג"א תי"ג** – איז דער 2'טער ביהמ"ק פארטיג געווארן, און **עזרא הסופר** מיט טויזענטער אידן **זענען** ארויף קיין ירושלים.

**ג"א תמ"ב** – די לעצטע דריי נביאים ביי כלל ישראל, **חגי זכרי' און מלאכי**, זענען נפטר געווארן.

**ג"א תק"ץ** – האט זיך אנגעהויבן די מלוכה פון בית **חשמונאי**.

**ג"א תרכ"ב** – איז געווען דער נס חנוכה, דורך יהודה המכבי און זיינע ברודער.

**ג"א תשמ"ב** – האט **הורדוס** המלך, א מלך ישראל וואס האט נישט געשטאמט פון אידן און האט געמאכט אסאך צרות, האט אנגעהויבן איבערצובויען דעם צווייטן בית המקדש, און ער האט געבויעט דעם שענסטן בנין אויף די וועלט.

**ג"א תשפ"ח** – די **סנהדרין** איז **פארטריבן** געווארן פון ירושלים קיין יבנה 40 יאר פארן חורבן ביהמ"ק.

**ג"א תתט"ז** – **נירון קיסר** איז געווארן מלך אין רום.

**ג"א תתכ"ד** – האט **נירון קיסר** געשיקט א קרבן מקריב זיין אין ביהמ"ק, אבער מען האט דאס נישט געלאזט מקריב זיין.

**ג"א תתכ"ה** – **נירון קיסר** האט געשיקט אספיינוס מיט זיין זון טיטוס הרשע איינצונעמען ירושלים. עטליכע יאר איז אנגעגאנגען ביטערע שווערע מלחמות **צווישן** די רשעים פון די אידן מיט די רוימער.

**ג"א תתכ"ח** – איז חרוב געווארן דער **צווייטער** בית המקדש דורך **טיטוס הרשע**.

**ויהי רצון שיבנה בית המקדש במהרה בימינו, והשב כהנים לעבודתם ולוים לשירם ולזמרם, והימים האלו יתהפכו לששון ולשמחה במהרה בימינו אמן**